בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**וישלח**
**ט"ז כסלו תשפ"ג**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:00 |
| מוצש"ק | 5:15 |
| ר"ת | 5:53 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:12 | סוז"ת א' | 9:18 |
| סוזק"ש ב' | 8:57 | סוז"ת ב' | 9:48 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': ח

## טיב הפרשה

# די תורה הק' איז די גרעסטע שמירה

אין די וואכנדיגע פרשה לערנען מיר אז יעקב אבינו האט געשיקט א שליחות צו עשו הרשע, ער זאגט אים 'עם לבן גרתי ואחר עד עתה'.

רש"י זאגט אז גרתי איז די אותיות תרי"ג, אז יעקב אבינו האט געזאגט פאר עשו: איך בין געווען ביי לבן אזויפיל יארן און כאטש וואס איך בין געווען ביי אים אזא לאנגע צייט, האב איך אפגעהיטן די תרי"ג מצוות.

די ווערטער איז א רמז פאר אונז, אז די איינציגסטע עצה פאר א איד, אויב ער וויל ניצול ווערן פון א שונא וואס קומט אים פארלענדן, איז נאר דורך היטן די תורה און מצוות.

יעקב אבינו האט זיך גענוצט מיט די סגולה קעגן די גרעסטע פיינט פון כלל ישראל. ווי דער בעל הגדה איז אונז מגלה פסח ביינאכט אז לבן איז געווען א גרעסערער רשע פון פרעה, ווייל ביי לבן שטייט 'ביקש לעקור את הכל'.

און אויך קעגן אזא רשע ווי לבן, האט זיך יעקב אבינו געשטארקט מיט דעם וואס ער האט ערליך אפגעהיטן די תורה און די מצוות. נישט נאר האט ער אים נישט געקענט שלעכטס טון, נאר ביי אים אין שטוב איז ער געווארן א גרויסער עושר, ביי אים אין שטוב האט ער געזען אן אויסטערלישע הצלחה און דאס אלעס האט ער באוויזן נאר ווייל ער האט אפגעהיטן די תרי"ג מצוות.

און דאס איז א שטארקער לימוד פאר אונז. עס טרעפט זיך אמאל מענטשן וואס מיינען אז דורך וואס זיי וועלן זיך מקיל זיין אין הידורי מצוה וועלן זיי מער מצליח זיין אין זייערע געשעפטן. נישט נאר זיי האבן א טעות, נאר עס איז פונקט די פארקערטע. ווי מער א מענטש איז מהדר אין א מצוה, איז ער זוכה צו א גרעסערער שפע. אזוי ווי מיר זעען ביי יעקב אבינו, אז נאר ווייל ער האט אפגעהיטן די תרי"ג מצות, האט ער זוכה געווען צו האבן א שפע רב און ווי עס ווערט אויסגערעכענט אין פסוק; ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה.

און דער אמת איז אז אלע שוועריגקייטן וואס א מענטש גייט אריבער אויף די וועלט נעמט זיך פון דעם אז עס פעלט ביי אים די קפידה פון שלימות אין שמירת התורה והמצוות, ווי חז"ל זאגן 'הרעותי את מעשי וקיפחתי את פרנסתי'.

און אויך די ברכות וואס יצחק אבינו האט געבענטשט פאר יעקב איז געווען בתנאי אז ער וועט אפהיטן די תורה, און אז מען היט עס נישט אפ ריכטיג, פעלט שפעטער אין די שפע.

דעם געדאנק דארפן מיר ארויסנעמען פון די פרשה. די תוה"ק דערציילט אונז נישט סתם אזוי קיין מעשיות. די תורה איז נצחי און עס איז דא אז מיר זאלן זיך ארויסלערנען פון איר אויף די שפעטערדיגע דורות, אז נאר דורך די תורה און שמירת המצוות וועלן

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# קטונתי מכל החסדים

געלויבט דער אויבערשטער, איז שוין היינט די אמונה פארשפרייט איבעראל, עס איז שוין נישט נאר אין באזיץ פון די צדיקים און חסידים נאר יעדער איד, אין יעדן ארט און אין יעדן מצב האט אמונה. יעדער איינער לפי מדרגתו. אפילו מענטשן וואס זענען נישט קיין שומרי תורה ומצוות, גלייבן אויך אין סגולות און גייען צו רבנים צו באקומען ביי זיי א ברכה. פארשטייט זיך אז דאס איז זייער א גרויסע זאך אז אידן גלייבן אין דעם. אבער לאמיר נישט פארגעסן אז אויך אויף גוים האט מען געהערט אז זיי פלעגן קומען נעמען ברכות פון די גרויסע צדיקים וועלכע זענען געווען באוואוסט אין זייערע צייטן אלס אזעלכע וואס פועל'ן ישועות. אויב אזוי איז קלאר אז נישט יעדער איינער וואס גייט נעמען א ברכה איז א בעל אמונה (טראצדעם וואס אויך דאס איז א בחינה פון אמונה). אויב אזוי, ווילן מיר וויסן, ווער איז דער אמת'ער בעל אמונה און נישט כדי צו "אפמעסטן" אנדערע, נאר כדי צו וויסן וויאזוי זיך צו פירן.

אין אונזער פרשה זעען מיר פארשידענע אויסדריקן פון יעקב אבינו, ווי למשל: 'קטונתי מכל החסדים', 'הילדים אשר חנן אלוקים את עבדך', און אזוי ווייטער. ביי אלע דיבורים וואס יעקב אבינו האט גערעדט, האט ער געדאנקט דעם אויבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער האט געטון מיט אים, און אויף די גוטס וואס ער האט געטון מיט אים אויפן וועג, און אזוי ווייטער דאנקט יעקב אבינו אויף יעדע זאך.

אויב וועלן מיר געבן א בליק אויף צוריק וועלן מיר זען אז אויך אין די פריערדיגע פרשה האט זיך דער אויבערשטער אנטפלעקט צו יעקב אבינו און אים צוגעזאגט 'הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה.. והנה אנוכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך', אבער פון ווען ער האט באקומען די ברכה ביז יעצט, זעען מיר נאר אז ער איז אריבערגעגאנגען צרות און יסורים, צום ערשט צוואנציג יאר ביי לבן אין הויז, דערנאך וויל אים זיין ברודער הרג'ענען, שפעטער אין די פרשה איז דא די מעשה מיט דינה. קוקנדיג מיט א פשוט'ן בליק האט יעקב אבינו נישט געהאט קיין איין רואיגער טאג, און וואס טוט ער? ער דאנקט נאר דעם אויבערשטן און האלט נאך אז ער איז נישט ראוי צו אלע גוטס וואס ער האט.

זעען מיר פון דא אז אמונה הייסט גלייבן אינעם אויבערשטן, נישט נאר ווען ער טוט דאס וואס איז מיר גוט, נאר אויך ווען די ברכות וואס די צדיקים האבן מיר געבענטשט זענען נאכנישט מקוים געווארן, און אויך ווען דער אויבערשטער פירט נישט די וועלט אזוי ווי איך וואלט געוואלט, אויך דעמאלטס זאל מען געדענקען אז עס קומט מיר גארנישט, און אלעס וואס איך האב איז א מתנה פונעם אויבערשטן. און דעמאלטס ווען מען בעט עפעס איז עס א בחינה פון אן ארימאן וואס שטייט ביים טיר, אין די בחינה פון 'קטונתי'.

(עפ"י טיב התורה-וישלח)

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב
ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רביטביץ | עורך: ש. גולדשטיין

מיר ניצול ווערן פון אלע שלעכטע זאכן.

אין יעדע נשמה פון א איד, ליגט באהאלטן א חלק פון לבן הארמי, דער חלק וויל אים עוקר זיין מן השורש און די עצה זיך צו שטארקן קעגן אים איז נאר אז מען וועט זיך מחזק זיין אין די אויבנדערמאנטע ענינים.

די נקודה דארף אריינגיין שטארק אין די ביינער. עס דארף זיין קלאר אז יעדע מצוה וואס א מענטש טוט ווערט ער דורך דעם נענטער צו זיין תכלית וואס וועגן דעם איז ער אראפגעקומען אויף די וועלט, און אויב לאזט ער זיך נאך וועט ער צאלן דערפאר א פרייז איןביידע וועלטן.

## טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## א מנין - ספעציעל פאר איר

עס איז דא אידן וואס מען האט פון הימל באשערט אז זיי האבן זייער ארבעט אינדערהיים, דאגעגן איז דא אידן וואס פון הימל וויל מען אז זיי זאלן זיין אסאך אונטערוועגס.

מיט די יארן, נאך דעם וואס איך האב איינגעזען אז פון הימל וויל מען אז איך זאל געהערן צו די גרופע וואס רייזט ארום אסאך אין די וועלט, האב איך געמאכט ביי מיר א שטארקער גדר, אז אין קיין פאל וועל איך נישט פארפעלן א מנין בציבור אונטערוועגס.

יעדע מאל ווען עס קומט מיר אונטער א רייזע, וועל איך צוערשט אויסרעכענען וואו איך וועל קענען דאווענען מיט א מנין.

אויך בעפאר די יעצטיגע רייזע האב איך גענומען אין באטראכט וואו איך וועל קענען דאווענען מיט א מנין. וויסנדיג אז דער פליגער גייט לאנדן 6:00 פארטאגס, בין איך געווען רואיג ביי מיר. איך האב אויסגערעכענט יעדע איינצלהייט און אנקומען צו די מסקנא אז איך האב גענוג און נאך צייט, צו קענען זיין באצייטנס ביי דעם מנין פון אכט אזייגער.

לויט מיין רעכענונג האט אלעס געקלאפט. דער אפנעמען מיינע פעקלעך און אריינפארן אין שטאט נעמט אויפ'ן ערגסטן פאל אנדערהאלבן שעה און אפילו אז עס וועט זיך שלעפן, בלייבט מיר נאך אן האלבע שעה, אזוי אז איך זאל קענען אנטון טלית און תפילין אכט אזייגער.

אויך נאכדעם וואס דער פליגער האט געשפעטיגט מיט א האלבע שעה בין איך נאך געבליבן רואיג, וויסנדיג אז איך האב נאך גענוג צייט צו קענען זיין באצייטנס צום דאווענען אינעם האטעל וואו איך שטיי איין.

אבער זייער שנעל האב איך איינגעזען אז דער שפעטיגונג געווען א הקדמה צו נאך א לאנגע רייע פון שטערונגען. ווען מיר זענען שוין ענדליך אראפ פון פליגער האבן די פעקלעך געשפעטיגט, און אויך ווען איך האב זיי שוין געהאט אין מיינע הענט און געווארט דער טעקסי וואס איך האב פון פאראויס באשטעלט זאל קומען צו פארן, האט ער געשפעטיגט און ווען איך בין אנגעקומען צום האטעל האט שוין דער זייגער געוויזן אויף ניין אזייגער.

"וואס וועט דא זיין?" בין איך געווען זייער באזארגט.

אזוי טראכטנדיג וואס איך קען טון, קומט מיר אנטקעגן א איד.

"איר האט שוין גדאווענט שחרית?"

"ניין". "מיר זענען ניין מענטשן און מיר זוכן א צענטער".

איך בין געבליבן שטיין געפלעפט. מיינע אויערן האבן נישט געגלייבט וואס זיי הערן. איך האב אראפגעלייגט מיינע זאכן אינעם לאבי און איך בין אריבער אין שול.

עס האבן געווארט דארט ניין אידן און ווי נאר איך בין אריינגעקומען האט מען זיך געשטעלט דאווענען.

איך בין געווען איבעראשט פון דעם וואס איך האב בייגעלעבט. איך קום שוין צענדליגער יארן צו דעם האטעל און עס האט זיך נאך קיינמאל נישט געמאכט א צווייטער מנין, נאך דעם פון אכט אזייגער, היינט איז געווען דאס ערשטע מאל.

איך האב זיך געלערנט פון דעם אז אויב האלט זיך איינער שטארק ביי זיין גדר, אפילו אויב ער זעט נישט קיין וועג ווי אזוי ער קען עס מקיים זיין, וועט מען אים פון הימל העלפן ער זאל קענען אויספירן זיין אונטערנעמונג.




די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה ספואלס אין פקס: 15326517922

• § • § •

# הוי דן את כל האדם לכף זכות

**"וישא יעקב עיניו, וירא והנה עשיו בא, ועימו ארבע מאות איש, ויחץ את הילדים וגו'. והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה שבע פעמים, עד גשתו עד אחיו. וירץ עשיו לקראתו ויחבקהו, ויפול על צוואריו וישקהו ויבכו"** (לג, א-ד)

זאגט רש"י: די רחמנות פון עשו האט זיך ערוועקט ווען ער האט געזען ווי יעקב בוקט זיך אזויפיל מאל וכו'. האט רבי שמעון בן יוחאי געזאגט: עס איז א באוואוסטער כלל אז עשיו האט פיינט יעקב, נאר אין יענע צייט האט זיך אנגעווארימט זיין רחמנות, און ער האט אים געקושט מיט זיין גאנצן הארץ, ביז אהער פון רש"י.

א שיינע ערקלערונג דערויף האט געזאגט מרן הגאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצוק"ל, מרא דארעא דישראל און גאב"ד ירושלים ת"ו. לכאורה איז א וואונדער, וויאזוי האט געקענט פאסירן אזא זאך, אז די הארץ פון עשו זאל זיך איבערדרייען מן הקצה אל הקצה. ער איז דאך געקומען אנטקעגן אים מיט א שטארקע פיינטשאפט און צארן, באגלייט מיט פיר הונדערט מענטשן, מלחמה צו האלטן, אזוי ווי די מלאכים האבן דערציילט פאר יעקב אבינו, וויאזוי איז פלוצלונג אנגצינדן געווארן זיין רחמנות אין יענע צייט און ער האט אים געקושט מיטן גאנצן הארץ.

נאר דאס אלעס האט יעקב אבינו גע'פועל'ט דורך די עבודה פון די פילע השתחויות וואס ער האט זיך געבוקט פאר עשו. אזוי ווי דער חכם מכל האדם זאגט אינעם ספר החכמה (משלי כז, יט): "כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם". ווען איינער איז דן זיין חבר לכף זכות ביי אים אין הארץ, ערוועקנדיג ביי זיך געפילן פון ליבשאפט צו האלטן חשוב זיין חבר און געפינען א לימוד זכות אויף אים. דעמאלטס איז כמים הפנים לפנים, ווערט דאס הארץ פון זיין חבר ערוועקט צו אים אויפן זעלבן אופן, אז אויך ער זאל זוכן זיין ליבשאפט און געפינען זכותים אויף אים, און אפילו דער גרעסטער שונא וועט פארוואנדלט ווערן צו א נאנטער פריינט און ליבהאבער!

דאס איז פשט אין פסוק: "וישתחו ארצה שבע פעמים", אז יעקב אבינו האט זיך געבוקט, כדי צו בייגן זיינע געדאנקען און די געפילן פון זיין הארץ צום גוטן, און כאטש ער האט געזען ווי עשו קומט אים אנטקעגן מיט גרויס פיינטשאפט, האט ער איינגענומען זיין הארץ און זיך געשטארקט אים צו ליב האבן און צו געפינען אויף אים זכותים און מעלות און אליין מלמד זכות זיין אויף עשו.

"עד גשתו עד אחיו", ער האט אזוי געארבעט אויף זיך, ביז עס איז אים געלונגען דורך די מחשבות אים צו בארעכטיגן און נאנט ווערן צו אים און אים פארוואנדלען צו זיין ליבליכער ברודער וואס זוכט זיין ברודערליכקייט און נאנטשאפט. דעריבער איז אויסגעקומען דערפון אז די עבודה האט אויך גע'פועל'ט אין די הארץ פון עשו, אז זיין רחמנות זאל זיך ערוועקן אויף אים, און ער איז אים אנטקעגן געלאפן און האט אים ארומגעהאלזט, און געקושט דעמאלטס מיטן גאנצן הארץ.

***

איבער דעם ענין האט מרן הגרי"ח זאנענפעלד זצוק"ל דערציילט, א מעשה וואס איז געשען אין די שטאט 'שאדיק' וואס איז אין פוילן, מיטן באוואוסטן גאון רבי נחום שאדיקער זצוק"ל.

אט די מעשה געפינט זיך אין עטליכע מקורות, און דא וועלן מיר עס דערציילן אזוי ווי עס איז מקובל ביי מיר פונעם גאון רבי שמואל הומינר זצ"ל.

אין די שטאט שאדיק האט געוואוינט א איד א מוֹסֵר, וועלכער האט געווארפן זיין שרעק איבער די אידן פונעם ארט. יעדער האט געציטערט און געטרייסלט פון אים און פון זיין שווערע האנט וועלכע איז געווען איבעראל פארמישט. און זיי אפגעטון גאר פילע געפערליכע צרות.

מיט זיין געוואלדיגע גאוה און חוצפה, האט דער מסור געפאדערט, אז מען זאל אים צושטעלן א מכובד'יגן ארט אויבנאן, ביים מזרח פון שול, און מען זאל אים געבן א חשוב'ע 'עליה' מדי שבת בשבתו, און נאך ענדליכע פאדערונגען. יעדער האט מורא געהאט צו ווידערשפעניגן און נישט אויספאלגן עפעס, אדער אנרירן זיין כבוד, וויבאלד ער האט באצאלט דערויף בכפליים...

איינמאל, ווען דער מוסר איז געגאנגען אין גאס מיט א געהויבענעם קאפ און מיט גרויס פרעכהייט, האט ער באגעגנט א אידישער איינוואוינער פון שטאט וועלכער איז געגאנגען איינגעבויגן, האלטנדיג א טאץ אייער. דער רשע האט זיך פארלייגט אויפן שוואכן אידל און באשלאסן אים צו פייניגן... ער איז צוגעגאנגען צו אים און געזאגט צו אים מיט א געשריי: "געב מיר די אייער די מינוט"!

דער איד האט זיך אבער נישט דערשראקן פון די חוצפה און רשעות פונעם מוסר און ער האט געענטפערט מיט תמימות און זיכערקייט: די אייער זענען פון מיין אייגענע ארבעט און זענען באשטימט פאר מיינע קליינע קינדער און הויזגעזינד, און איך האלט זיי נישט ביים אוועקגעבן אויף קיין פאל!

ווען דער מסור האט געזען אז דער מענטש האלט נישט ביים אויספאלגן זיין באפעל, איז ער געווארן פול מיט צארן. ער האט ווילד ארויסגעכאפט דעם טאץ אייער פון יענעם, און עס אים געווארפן אין פנים! די אייער האבן זיך צופלאצט אויף אים און ער און זיינע קליידער זענען געווארן אינגאנצן פארשמירט... אויך זיין געזיכט איז געווארן געפארבט מיט ווייסע און געלע קאלירן, ווען דער רשע שטייט בייזוויליג אין זייט און לאכט מיט א רשעות'דיג געלעכטער, נאכשרייענדיג מיט שפאט: דאס קומענדיגע מאל וועסטו שוין גוט וויסן, אז עס לוינט זיך נישט אנצוהייבן מיט מיר!!!

ווען דער איד האט געזען וואס דא טוט זיך, האט ער זיך אויסגעדרייט, און אנשטאט צו אהיימגיין איז ער געגאנגען אזוי פארשמירטערהייט מיט די אייער, גלייך צום ארט וואו דער רב איז געזעצן מיט זיין בית דין און גערופן דעם מוֹסֵר צו א דין תורה!

פארוואונדערט און דערשראקן זענען דער רב און די דיינים געווארן ווען זיי האבן געזען דעם אויסזען פונעם מענטש, און געהערט וואס ער האט געהאט צו זאגן... זיי האבן גלייך באשלאסן אז דאסמאל האט דער מוסר איבערגעצויגן דאס שטריקל, און עס איז געקומען דער צייט אים צו שטעלן אויפן פלאץ!

האט דער רב גערופן דעם בית דין שמש, און אים באפוילן אז ער זאל זיך גלייך ארויסלאזן צום הויז פונעם רשע, און אים שוין איינלאדענען צו קומען צום בית דין, צו א דין תורה מיטן איד, דער בעל הבית פון די אייער. צום ערשט האט דער שמש מורא געהאט צו גיין, ער האט געטרייסלט הענט ביז פיס און האט זיך פארענטפערט פאר דעם רב און די דיינים אז ער ציטערט פונעם שרעקליכן מענטש, און איז נישט מסוגל אויסצופירן אזא שליחות. דער רב איז אבער געווען פאר'עקשנ'ט און האט אים געהייסן אז ער זאל שוין אהינגיין און אויספירן דעם שליחות פונעם בית דין.

דער שמש זעענדיג אז ער האט נישט קיין אנדער ברירה, האט געמוזט אויספירן דעם שליחות פונעם רב, און איז ארויסגעגאנגען מיט שטרויכלדיגע קניען צום הויז פונעם מוסר. דארט איז ער פארשטייט זיך גלייך פארטריבן געווארן בבושת פנים, "איך האב גארנישט מיט קיין רבנים"... האט אים דער מוסר אפגע'פטר'ט און נישט געלאזט קומען צוםווארט. אויך ווען דער שמש איז צוריקגעקומען א צווייטע און דריטע מאל אים צו רופן צום דין תורה, האט זיך דער רשע נישט אונטערגעגעבן, און אים פארטריבן מיט קלעפ און קללות אן א צאל.

דעם פאלגנדן שבת, האט דער רב באשלאסן מקיים צו זיין אויף דעם רשע די מצוה פון "ולא תגורו מפני איש" (דברים א, יז)! אזוי ווי עס דארף צו זיין. ווען מען האט אויפגערופן דעם 'מוסר' צו זיין באשטימטע עליה, און ער איז אויפגעשטאנען מיט שטאלץ און חוצפה און זיך גענומען דערנענטערן צו די בימה, איז דער רב צוגעגאנגען צו אים מיט שטארקייט און געשריגן הויך: מחוצף! גיי ארויס פון שול! דו ביסט א מסרב לדין תורה! לויטן דת תורתינו הקדושה, האסטו נישט קיין ערלויבעניש זיך צו דערנענטערן צו די קהילה! גיי שוין ארויס פון שול, און מער האסטו נישט קיין רשות אריינצוקומען דא! דער רב איז געשטאנען אז דער מוסר זאל תיכף ומיד ארויסגיין פון שול, און האט אים פארטריבן מיט

המשך אין עמוד ד' <

בושה און חרפה.

ווען דער רשע האט געזען אז דער רב איז שטארק אנטקעגן אים ביזן סוף, האט ער נישט געהאט קיין אנדער ברירה נאר אויסצופירן דעם רב'ס באפעל, עס איז נישט געווען לפי כבודו אזוי צו קעמפפן קעגן דעם רב און קעגן די אויגן פון אלע מענטשן פון שול. אבער ווי נאר ער איז ארויסגעגאנגען פון שול, האט ער אויפגעהויבן זיין פינגער, אזוי ווי איינער וואס זאגט "איך וועל נאך נקמה נעמען אין אייך"... א גרויס שרעק איז געפאלן אויף די מענטשן פון די קהילה, ווער ווייסט וואס דער רשע מרושע פלאנט זיי צו טון.

אין די זעלבע וואך איז דער רב געלאדנט געווארן אויף סנדקאות ביי א ברית מילה וואס האט געדארפט געפראוועט ווערן אינעם נאנטן דארף. ער האט מיטגענומען מיט זיך צוויי פון זיינע אויסגעוועלטע תלמידים, וואס איינער פון זיי איז געווען רבי נחום שאדיקער זצ"ל (און ער האט עס דערציילט צו מרן הגרי"ח זאנענפעלד זצ"ל).

אזוי פארנדיג אין וועג האבן די בחורים געזען דעם רשע, ווי ער יאגט זיי נאך מיט זיין וואגן וואס איז איינגעשפאנט צו מעכטיגע פערד. פון זיין געזיכט האט געשפריצט פונקען פון צארן, אין זיינע הענט זענען געווען אלעערליי כלי משחית, און א רעוואלווער אויסגעשטרעקט אנטקעגן זיי. די יונגע בחורים זענען געווארן פול מיט שרעק, זייערע קניען האבן געקלאפט איינס אין די אנדערע, זיי האבן געזען דעם טויט פאר זייערע אויגן, ווייל יעדער האט געוואוסט אז אויב דער רשע לייגט זיין האנט אויפן רעוואלווער, האט ער נישט מורא פון רציחה... אבער ווען זיי האבן געקוקט אויפן רב האבן זיי געזען אז ער זעט אויס זייער פארטראכט, זיין קאפ איז געלעגן צווישן זיינע הענט און זיין געזיכט האט אויסגעזען ווי איינער וואס איז זייער פארטיפט אין עפעס. זיי האבן נישט געקענט פארשטיין איבער וואס איז דער רב אזוי פארטראכט אין אזא שרעקליכע צייט?!

זיי זעען ווי דער מוסר גאלאפירט שנעל נאך זיי, און אט איז ער שוין זייער נאנט צו זיי. זיין געזיכט ברענט פון רציחה ווי א פלאם פייער, און מיט א שרעקליכן כעס שפרינגט ער שנעל ארויס פונעם וואגן, ער לויפט זיי אנטקעגן מיט אן אויסגעשטרעקטן רעוואלווער און וויל זיי שלאגן מכות רצח, רחמנא ליצלן.

אבער פלוצלונג, ממש אין די לעצטע מינוט, איידער ער איז אנגעקומען צום וואגן פונעם רב, ווי נאר ער האט געזען זיין געזיכט, איז געווארן א געוואלדיגע מהפכה אין זיין הארץ. ער האט געטוישט זיין גאנצן צוגאנג און צו יעדנ'ס שטוינונג איז ער צוגעגאנגען צום רב מיט גרויס הכנעה און דרך ארץ, עפעס וואס איז בכלל נישט געווען א געוויינליכע ערשיינונג ביי אים, און געבעטן מחילה פארן גרינגשעצן דעם רב און דעם בית דין. ער האט זיך אנטשולדיגט פארן נישט קומען ווען דער רב האט אים געלאזט רופן.

ער האט גלייך ארויסגענומען א שיינע סומע געלט פון זיין טייסטער, פאר די אייער וואס ער האט געשעדיגט, מיט א שיינעם צוגאב פאר די בושה און עגמת נפש וואס ער האט פארשאפט פאר יענעם איד. דער רב האט אנגענומען זיינע ווערטער און דאס געלט, און אים אפגעזעגנט לשלום.

איידער ער איז געגאנגען זיין וועג, האט דער מוסר געווארפן א צארנדיגן בליק אויף די צוויי בחורים וועלכע האבן באגלייט דעם רב, פול מיט פיינטשאפט, ער האט אפילו אראפגעלאזט א געזונטן פאטש פאר איינעם פון זיי, און איז אוועקגעגאנגען.

די תלמידים זענען געשטאנען פארגאפט און ערשטוינט פון דאס וואס זיי האבן נארוואס געזען, און נאכן קומען צו זיך פונעם געוואלדיגן נס וואס איז זיי געשען, ווערנדיג געראטעוועט אין די סאמע לעצטע מינוט ממות לחיים, האבן זיי זיך געווענדן צום רב, בעטנדיג אז ער זאל זיי ערקלערן וואס דא איז פארגעקומען. וויאזוי האט זיך די הארץ פונעם רשע איבערגעקערט מן הקצה אל הקצה, ממש אין די לעצטע מינוט? פארוואס האט ער זיך באצויגן צום רב מיט כבוד און הכנעה, און אין דער זעלבער צייט האט ער ארויסגעוויזן אזא צארנדיג געזיכט צו די באגלייטער און אפילו אראפגעלאזט א פאטש פאר איינעם פון זיי מיט גרויס כעס?

איך וועל אייך אלעס געבן צו פארשטיין, האט דער רב זיי ערקלערט. ווען איך האב געזען דעם מוסר דער רשע ווי ער יאגט אונז נאך מיט גרויס צארן, האב איך גלייך גענומען זוכן עפעס א זכות אויף אים, און איך האב גענומען טראכטן, וויאזוי האט געקענט פאסירן אזא מאדנער זאך אין אונזער שטאט, אז א מענטש זאל אזוי ווייט אראפגליטשן, ווער ווייסט וואס האט אים צוגעברענגט אנצוקומען צו אזא שפל המדריגה... מעגליך איז דורכגעגאנגען אויף אים א שווערע יוגנט... ווער ווייסט? אפשר האבן זיינע עלטערן אים נישט געהאדעוועט אזוי ווי עס דארף צו זיין?

דער נאטור פון יעדער איד מזרע אברהם אבינו איז דאך, האב איך ווייטער געטראכט, אז ער איז א רחמנות'דיגער און א בעל חסד, זיכער איז דער מוסר נישט שולדיג אין זיין שווערן צושטאנד... נאר פונקט פארקערט, עס איז ממש א רחמנות אויף אים! וויבאלד ער איז געפאנגען ביי זיין יצר הרע.

אזוי האב איך ווייטער נאכגעזוכט זכותים אויף אט דעם רשע, האט דער רב אויסגעפירט, ביז עס האט זיך ערוועקט אין מיר א געוואלדיגע רחמנות אויף אים, און א גרויסע ליבשאפט צו זיין פארבלאנדזשעטע נשמה. איך האב געטראכט צו מיר, אז מעגליך איז ער אויך אין דעם פאל געווען אן אונס, ווען ער האט נישט געפאלגט און איז נישט געקומען צום בית דין, וויבאלד ער האט געוואלט האלטן פעסט זיין מעמד צווישן זיינע גוי'אישע חברים, ווייזנדיג אז ער לאזט זיך נישט פונעם רב און זיין בית דין...

ווען איך האב זיך נאכמער פארטיפט אין די זאך, בין איך אנגעקומען צו די מסקנא אז מעגליך בין איך אליין אויך שולדיג אין דעם... זעט אויס אז וויבאלד דער רשע האלט זיך מער חשוב איבער אלע מענטשן פון שטאט, איז עס נישט לפי כבודו אז איך זאל שיקן צו אים דעם בית דין שמש, און ער האט דאס געהאלטן פאר א פחיתות הכבוד... איך וואלט געדארפט אליין גיין צו אים, אדער שיקן צו אים עפעס א חשוב'ע פערזענליכקייט אין שטאט, פראבירן אים מקרב זיין מיט ליבשאפט, און נישט גלייך אנהייבן מיט א קאמף מיטן כח פונעם בית דין און דאס גלייכן.

און אזוי, אין די צייט וואס איך האב געטראכט און זיך פארטיפט בזכותו, און אים דן געווען לכף זכות, איז דער מענטש צוגעקומען צו מיר, און כמים הפנים לפנים, ווי נאר דער רשע האט געזען מיין געזיכט, ווי עס לייכט און שיינט צו אים, איז אין די זעלבע מינוט אריבערגעגאנגען אלע רחמנות געפילן מיין הארץ צו זיין הארץ, און זיין הארץ האט זיך אינגאנצן איבערגעקערט, און ער האט זיך גלייך איבערגעבעטן. ממש אזוי ווי יעקב אבינו אין זיין צייט, ווען ער האט זיך באגעגנט מיט עשיו הרשע!

נישט אזוי איז ביי אייך געווען, איז דער רב געקומען צום אויספיר, וויבאלד אייער הארץ איז פול געווען מיט שלעכטע מחשבות איבער די שאנד און גרויס זינדיגקייט פונעם רשע, דעריבער איז אויך ביי אים געווען כמים הפנים לפנים, און אויך זיין פיינטשאפט איז געווארן זייער גרויס אנטקעגן אייך!!!

פון אט די מעשה לערנען מיר, ווי שטארק מען דארף זוכן זכותים אויף יעדן איד, אין יעדע צייט, זאל דאס זיין ווער עס זאל נאר זיין.

אזוי ווי דער רבי ר' ברוך מעזשיבוזשער זצוק"ל (זיין יארצייט געפאלט אין די טעג - ח"י כסליו תק"ע) האט געזאגט: עס שטייט אין פסוק "עוד מעט ואין רשע, והתבוננת על מקומו ואיננו" (תהלים לז, י). אויך דער גרעסטער רשע, האט נאך אין זיך אביסל גוטס אין זיין נקודה הפנימית, און אויב דו וועסט באטראכטן און זיך מתבונן זיין אין זיין הייליגן שורש, פון וואו ער קומט, ווער זענען געווען זיינע עלטערן, און די עלטערן פון זיינע עלטערן און למעלה בקודש - וועסטו זען "ואיננו", אז פון זיך אליין וועט זיין גאנצע רשעות פארשוואונדן ווערן...

ווי דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע שרייבט אין "הנהגות האדם" (ס"ק ח): מען זאל זיך היטן נישט צו פיינט האבן קיין שום איד, און ווען מען קען דן זיין לזכות, איז מען מחויב צו ליב האבן ווי זיך אליין, מיט זיין גאנצן פארמעגן, ווי זיין אייגענער קערפער און זעל, און מקיים זיין וואס עס שטייט אין פסוק (ויקרא יט, יח) "ואהבת לרעך כמוך".

[מתוך שיחה פרטית ה' כסליו תש"ע]


# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייד

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

גל-פז



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173